# הליכות והלכות


ישיבה ותלמוד תורה תורה ויראה דרב"י קרית יואל יצ"ו - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | גליון נ"ה - הלכות תפילה - או"ח סימן ק"ו (שיעור פר' וישלח) | שנת תשע"ו לפ"ק


## סימן ק"ו – מי הם הפטורים מתפילה

**א) אלע וואס זענען פטור פון קריאת שמע** ווי עוסקים בצרכי מצוה אדער צרכי רבים, און עס איז נישטא קיין צווייטער אויסער אים וואס זאל דאס קענען טוהן, און אוודאי איינער וואס איז עוסק אין הצלת נפשות, ווי א דאקטער אדער א הצלה-מאן **זענען אויך פטור פון תפילה, און ווער עס איז מחויב מיט ליינען קרי"ש איז מחויב בתפילה. אויסער די וואס באגלייטן די מטה פון א מת וואס זיי פעלן נישט אויס וויכטיג צו טראגן די מטה, וואס כאטש זיי זענען מחויב בקריאת שמע זענען זיי פטור מתפילה.**

פרויען און קנעכט זענען פטור פון קרי"ש, אבער זיי זענען מחויב בתפילה, נאר שמו"ע, ווייל תפילה איז א מצ"ע שאין הזמ"ג.

קליינע קינדער שהגיעו לחינוך דארף מען זיי מחנך זיין, פון די 7-6 יאר (עי' פרמ"ג א"א סק"ג, ועי' כה"ח סי' ע' בשם החיד"א ושאר אחרונים דגיל החינוך הוא כבן ט'-י' שנים, און ער פירט אויס אז עס ווענדט זיך אין יעדעס קינד לויט זייער שטאנד). אבער אפילו זיי מעג מען זיי געבן צו עסן פארן דאווענען (מג"א סק"ג).

**ב) איינער וואס איז תורתו אומנתו ווי רשב"י וחבריו דארף נאר מפסיק זיין צו קרי"ש און נישט לתפילה, אבער מיר דארפן יא מפסיק זיין צו קרי"ש און סיי צו תפילה. דער רמ"א זאגט אבער אז איינער וואס לערנט מיט אנדערע דארף נישט** מפסיק זיין, ער זאל זעהן צו דערמאנען תוך כדי לימודו פון יציאת מצרים כדי ער זאל דערמאנען יציאת מצרים בזמנה, און נאכן לערנען זאל ער זאגן גאנץ קרי"ש (באה"ט). **אבער ער זאל פארט יא מפסיק זיין צו ליינען דעם ערשטן פסוק פון קרי"ש. אבער אויב עס איז נאכנישט שפעט און ער האט נאך צייט צו דאווענען און ליינען קרי"ש זאל ער זיך נישט אפשטעלן אינמיטן לערנען, אפילו ער לערנט פאר זיך אליין.**

## סימן ק"ז – המסופק ודין תפילת נדבה

**א) אויב ער איז מסופק צי ער האט געדאווענט, זאל ער איבערדאווענען און ער דארף גארנישט מחדש זיין ביים דאווענען צום צווייטן מאל.** ווייל עס איז נישטא קיין גרעסערע חידוש פון דעם וואס ער גייט ארויס מידי ספק. אבער ער דארף זיך אויסנעמען אז אויב ער האט נאכנישט געדאווענט זאל דאס זיין א תפילת חובה, און אויב האט ער יא געדאווענט זאל דאס זיין א תפילת נדבה (באה"ט).

**אויב אבער ער איז יא זיכער אז ער האט שוין געדאווענט, זאל ער נישט איבער דאווענען נאר אויב ער איז מוסיף א חידוש ביים צווייטן דאווענען. אויב איז ער יא מחדש ביי די פרישע תפילה מעג ער דאווענען א תפילת נדבה וויפיל מאל ער וויל, אויסער תפילת מוסף וואס מ'טאר נישט דאווענען קיין תפילת נדבה.**

**שבת ויו"ט זאל מען בכלל נישט דאווענען קיין תפילת נדבה.**

היינטיגע צייטן דאווענט מען שוין בכלל נישט קיין תפילת נדבה, וויבאלד מ'דארף אינזינען האבן מתחילתה ועד סופה, און עס איז נישטא היינט ווער עס קען אינזינען האבן א גאנצן דאווענען ווי עס דארף צו זיין (עפימ"ש המחבר סעי' ד', ופרמ"ג וחיי"א הובא בבה"ל ריש הסי').

**אויב האט ער אנגעהויבן צו דאווענען מיטן חשבון אז ער האט נאכנישט געדאווענט, און ער דערמאנט זיך אז ער האט שוין יא געדאווענט, זאל ער מפסיק זיין אפילו אינמיטן א ברכה, אפילו ער האט יא וואס צו מחדש זיין, זאל ער נישט זאגן ווייטער.**

**ב) א 'חידוש' ביים דאווענען מיינט, אז ער זאל עפעס צולייגן אינמיטן יעדע ברכה פון די ברכות אמצעיות וואס האט שייכות מעין הברכה.** ביי חונן הדעת זאל ער עפעס בעטן בענין דעת, ביי רפאינו מענין רפואה. ביי די ערשטע דריי און די לעצטע דריי ברכות טאר מען נישט מוסיף זיין (באה"ט). **אויב האט ער צוגעלייגט א חידוש אפילו נאר ביי איין ברכה איז דאס גענוג צו באשטעטיגן אז דאס איז א תפילת נדבה און נישט קיין תפילת חובה.**

**דער רמ"א ברענגט א יש אומרים אז א חידוש איז נאר אויב מ'האט מחדש געווען עפעס א בקשה וואס ער האט נישט געדארפט בעפאר.**

**ג) א ציבור דאווענט קיינמאל נישט קיין תפילת נדבה.** ווייל א ציבור ברענגט נישט קיין קרבן נדבה (באה"ט).

**ד) איינער וואס וויל דאווענען א תפילת נדבה דארף זיך בעפאר צוגרייטן און זיכער מאכן אז ער זאל קענען אינזינען האבן דאס גאנצע דאווענען מתחילה ועד סוף, אויב**

## שאל אביך ויגדך

### קעה

**שאלה: נאכן לערנען די הלכה אין מחבר און באה"ט ווי אזוי נעמט מען היינט אן, למעשה זענען פרויען מחויב בתפילה אדער נישט?**

תשובה: דער מג"א (סי' ק"ו סק"ב) שרייבט "ולכן נהגו רוב הנשים שאין מתפללות בתמידות משום דאומרים מיד בבקר סמוך לנטילה איזה בקשה, ומדאורייתא די בזה, ואפשר שגם חכמים לא חייבים יותר עכ"ל. וואס פון דעם קומט אויס אז כאטש זיי זענען מחויב בתפילה מה"ת, זענען זיי אבער יוצא מיט א קליינע תפילה אינדערפרי, און זיי דארפן נישט דאווענען די דריי תפילות, און נישט קיין שמו"ע. וכן מובא בשוה"ר (ס"ב), ובמשנ"ב (סק"ד) ובכה"ח (סק"ז), און אזוי נעמען אויך אן אנדערע אחרונים.

אנדערע פוסקים ברענגען א טעם אז פרויען זאלן זיין פטור פון דאווענען וויבאלד זיי זענען פארנומען מיט צרכי הבית און מיטן צוגרייטן די קינדער. ועי' בשו"ת תשובות והנהגות להגאון ראב"ד ירושלים שליט"א (ח"א סי' ע"ד) בשם שיחות החפץ חיים (ח"א אות כ"ז) אז דער חפץ חיים האט גע'פסק'עט פאר זיין רביצין ע"ה אז זי איז פטור פון דאווענען שמו"ע וויבאלד זי איז פארנומען מיט די קינדער אין שטוב. (ועי' בשו"ת ארץ צבי (ח"א סי' ל"ד) ובס' מועדים וזמנים (ח"א סי' ט').

דער ראב"ד שליט"א איז מברר אז ממנ"פ זענען די פרויען פטור פון דאווענען, ווייל אויב איז תפילה א דרבנן איז די הלכה אז איינער וואס קומט פון וועג איז ער דריי טאג פטור מן התפילה ווייל ער איז טרוד (עירובין דף ס"ה ע"א) ובטור (סי' צ"ח), און אויב איז תפילה א דאורייתא, איז וויבאלד דער מציאות איז אז זיי זענען טרוד אין שטוב און זיי קענען נישט געהעריג אינזינען האבן ביים דאווענען, איז דאס ווי איינער וואס איז נישט ראוי צו טוהן די עבודה אין ביהמ"ק און איז פטור פון די

קען ער נישט אינזינען האבן זאגט מען אויף אים דעם פסוק 'למה לי רוב זבחיכם', אז דער רבש"ע דארף נישט קיין איבריגע נדבות אויב דאס קען נישט זיין געהעריג, און הלואי זאל ער כאטש אינזינען האבן ביי די דריי תפילות וואס ער מוז דאווענען איבערן טאג.

## סימן ק"ח – מי שלא התפלל בטעות, אונס, מזיד

**א) אויב האט ער זיך טועה געווען, אדער אויב עס איז געווען אן אונס, און ער האט נישט געדאוונט שחרית, זאל ער דאווענען צוויי שמו"ע ביי מנחה.** א ש"צ קען יוצא זיין תשלומין מיט חזרת הש"צ (באה"ט). לכתחילה זאל ער אויך זאגן אלקי נצור, אבער אויב עס איז א טירחא דציבורא קען מען מקיל זיין (אחרונים). אבער מיטן הערן חזרת הש"צ קען מען נישט יוצא זיין תשלומין (משנ"ב סק"ה), עס איז דא א דעה אז אויב ער האט יא געדאוונט נאר ער האט זיך טועה געווען און ער האט פארגעסן צו זאגן עפעס וואס מ'דארף דערויף איבערדאווענען, ווי ותן טל ומטר, אדער יעלה ויבא, און עס איז אינצווישן אריבער דער זמן תפילה און ער דארף דאס משלים זיין, קען ער יא יוצא זיין מיטן אויסהערן חזרת הש"צ מדין שומע כעונה (שו"ת התעוררות תשובה סי' נ"ג). **די ערשטע לשם תפילת מנחה און די צווייטע איז א תשלומין פאר שחרית. אויב האט ער ארויסגעזאגט אז ער וויל טוהן פארקערט, האט ער נישט יוצא געווען תפילת תשלומין און ער דארף נאכאמאל איבער דאווענען. די זעלבע דין איז אלעמאל ווען מ'דארף דאווענען א תפילה פאר תשלומין.**

**ב) אויב ער האט זיך טועה געווען און ער האט נישט געדאוונט מנחה, זאל ער דאווענען צוויי שמו"ע ביי מעריב, די ערשטע פאר מעריב און די צווייטע פאר תשלומין, אויב ער האט זיך טועה געווען און נישט געדאוונט מעריב זאל ער דאווענען צוויי שמו"ע ביי שחרית, די ערשטע שחרית און די צווייטע פאר תשלומין.** ער טאר נישט עסן איידער ער האט געדאוונט די צווייטע שמו"ע, אבער אויב ער האט שוין אנגעהויבן צו עסן דארף ער נישט מפסיק זיין (באה"ט).

**נאך יוצר און שמונה עשרה זאל ער זאגן אשרי און זיך נאכאמאל שטעלן שמו"ע אלס תשלומין פאר מעריב. אזוי אויך ווען ער דאוונט צוויי מאל מעריב אלס תשלומין פאר מנחה, זאל ער זאגן 'אשרי' צווישן איין שמו"ע און די צווייטע (רמ"א).** אבער ווען ער דאוונט צוויי מאל מנחה, אנשטאט שחרית דארף ער נישט זאגן אשרי אינצווישן, נאר ער זאלווארטן א שיעור הילוך ד' אמות אבער דער מג"א איז מחולק דערויף (באה"ט).

**ג) מ'קען נאר משלים זיין א תפילה וואס ער האט נישט געדאוונט, בזמן תפילה, אבער נאכן זמן תפילה נישט.**

**ד) מ'קען נאר משלים זיין ביי די קומענדיגע תפילה, אויב האט ער נישט געדאוונט סיי שחרית און סיי מנחה, זאל ער דאווענען צוויי שמו"ע ביי מעריב, און די צווייטע איז א תשלומין פאר מנחה, אבער שחרית האט נישט קיין תשלומין, און אזוי איז אויך ביי אלע אנדערע תפילות. אויב ער האט נישט געדאווענט שחרית שבת קען ער יא משלים זיין ביי מנחה, אפילו ער האט אינצווישן געדאוונט מוסף** (באה"ט).

**ה) כאטש מ'קען נישט דאווענען קיין תשלומין נאר צו א תפילה הסמוכה צו די תפילה וואס ער דאוונט יעצט, און אנדערע תפילות וואס ער האט דערלייגט האט נישט קיין תשלומין, אבער אויב ער וויל דאווענען א תפילה בתורת תשלומין און ער וועט עפעס צולייגן אלס חידוש מעג ער, ונכון לעשות כן.**

**ו) אויב עס אריבער דער טאג און ער האט נישט געדאוונט מוסף, קען ער דאס נישט משלים זיין.** תפילת נעילה יום כיפור איז אויך אין דעם כלל, דעריבער אויב האט ער נישט געדאוונט נעילה, למשל ער איז פארשלאפן מחמת חולשת התענית, זאל ער נישט דאווענען צוויי שמו"ע ביי מעריב. (רמ"ע הובא במחזיק ברכה, וכה"ח סקי"ב)

**ז) אויב ער האט במזיד נישט געדאוונט איין תפילה, קען ער דאס נישט משלים זיין אפילו ביי די קומענדיגע תפילה. אויב ער וויל זאל ער דאווענען די תפילה וואס ער האט אויסגעלאזט בתורת תפילת נדבה. און ער דארף גארנישט מחדש זיין בתפילתו אויב ער דאוונט די תפילת נדבה ביי די קומענדיגע תפילה.** אויב ער איז פארשלאפן הייסט דאס נישט קיין מזיד, און ער קען יא משלים זיין די תפילה (מקו"ח להחו"י).

**ח) איינער וואס האט נישט געדאוונט ווען ער האט נאך געהאט צייט צו דאווענען, ווייל ער קלערט אז ער וועט נאך האבן צייט צו דאווענען נאכדעם וואס ער וועט ענדיגן עוסק זיין אין יענעם ענין וואס ער האלט זיך אינמיטן באשעפטיגן און אינצווישן איז די צייט אריבערגעלאפן, אזוי אויך איינער וואס איז געווען פארנומען צו פארשפארן א געלט שאדן, און דורכדעם האט ער דערלייגט זיין דאווענען, אזוי אויך איינער וואס האט נישט געדאוונט ווייל ער איז געווען שיכור, גייט דאס אלעס אריין בגדר אונס און זיי קענען דאס משלים זיין.**

**דער רמ"א זאגט אבער אז לכתחילה זאל מען אכטונג געבן נישט צו פארשפעטיגן קיין זמן תפילה צוליב א הפסד ממון.**

## שאל אביך ויגדך

עבודה, די זעלבע זאך איז ביי תפילה, אז ווער עס קען נישט געהעריג דאווענען מיט כוונה איז פטור, ווי חז"ל זאגן (תענית דף ב' ע"א) איזהו עבודה שבלב זו תפילה.

אבער, עס איז וויכטיג צו וויסן אז עס איז א גרויסע חשיבות אז פרויען שטרענגען זיך אן צו דאווענען. דער רמב"ן האלט אז תפילה איז מדרבנן און די אנשי כנה"ג האבן מתקן געווען אז מ'זאל דאווענען יעדן טאג אכצן ברכות, און זיי האבן מחייב געווען דערמיט די נשים אזוי ווי אלע אנדערע מצ"ע שהזמ"ג ווי הלל און קידוש לבנה, ממילא זענען זיי מחויב צו דאווענען א געהעריגע שמו"ע, און נישט נאר א תפילה קצרה אין וועלכן ס'איז נכלל א שבח והודאה. וכ"כ השועה"ר (שם) ועי' במג"א (סק"ב) אז עס איז דער דעת רוב הפוסקים ווי דער רמב"ן, וכ"כ המשנ"ב בשם השג"א.

אויב זי האט נישט קיין צייט צו דאווענען גאנץ שחרית, ד.ה. פסוקי דזמרה מיט ברכת קריאת שמע, זאל זיי כאטש דאווענען ברכות השחר, מיט שמונה עשרה, און זי זאל זאגן בעפאר 'אשרי'.

אבער א פרוי וואס איז פארנומען מיט די קינדער און זי האט נישט קיין צייט צו דאווענען געהעריג, און זי וויל דאווענען וויפיל זי קען, זאל זעהן בעיקר צו דאווענען שמונה עשרה, און זי זאל זאגן בעפאר 'אשרי'. און אויב עס איז נישטא קיין צייט צו דעם אויך נישט זאל זי זאגן ברכת השחר מיט ברכת התורה און דאס ווערט גערעכנט ווי א תפילה קצרה (ועי' עוד בשו"ת מחזה אליהו (סי' י"א-כ') ווי עס ווערט אויסגעשמועסט באריכות ביי אלע חלקים פון דאווענען ביי וועלכע זענען די פרויען מחויב און ביי וועלכע זענען זיי פטור.

להערות והארות: שמואל שלמה טעללער 845-783-0735